# יוסף אָפּאַטאָשו

## ס׳אייביקע חופּה-קלייד

(חײַקעלע טווערסקי ז״ל)

ס׳האָט שוין גענומען טאָגן, ווען די אַכציק-יאָריקע גליקכע שרײַבער האָט, אַן איבערגעשראָקענע, געעפֿנט די אויגן און האָט זיי גלײַך קריק פֿאַרמאַכט.

גליקכע האָט זיך נישט געקאָנט קיין ריר טאָן. יעדן גליד, ווי אַרויס פֿון געלענק. די קנאָכן פֿון די הענט, פֿון די פֿיס, ווי זיי וואָלטן געווען צעשאָטן. יעדעס אבֿר האָט גענאָגט און געוויייטיקט, און אויף דעם שפּיץ צונג איז געלעגן דער חלום, וואָס האָט זי אַ גאַנצע נאַכט געמאַטערט:

– איז טאַקע ערנעסטינע געשטאָרבן?

ערשט איצט, ווען גליקכע האָט ווידער געעפֿנט די אויגן, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז ערנעסטינע איז נאָך פֿרײַטיק נאָך מיטאָג געשטאָרבן.

וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? וואַרטן מיט דער קבֿורה אויף זונטיק, ווי ס׳פֿירט זיך אין אַמעריקע? אין פּרעשבורג, בײַ גליקכעס עלטערן, בײַ אירע זיידעס און עלטער-זיידעס, האָט מען זיך אַנדערש געפֿירט. איז עמעצער נפֿטר געוואָרן אין דער משפּחה, האָט מען אים דעם זעלבן טאָג מקבר געווען.

און דאָ ס׳איז פֿרײַטיק נאָך מיטאָג. ערנעסטינע האָט זיך נישט פֿאַרזאָרגט מיט קיין תּכריכים. זי איז טאַקע גליקכעס לײַבלעך שוועסטערקינד. זי איז אַן אייגער, ר׳ עקיבֿא אייגערס אַן אור-אייניקל. זי איז אָבער נאָך מיט פֿופֿציק יאָר צוריק שוין אין פּרעשבורג געווען פֿון די רעפֿאָרמירטע. ערנעסטינעס מלאך (יעדער מענטש האָט דאָך אַ מלאך אין הימל) איז נאָך אין פּרעשבורג געווען אַ טויבער. ער האָט קיין מאָל נישט דערהערט אירע פֿאַרלאַנגען. איז זי נאָך אין פּרעשבורג אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג. דער נאָמען אַליין –

ערנעסטינע.ביידע האָבן געהייסן נאָך דער זעלבער עלטער-באָבע גליקכע. און פֿון גליקכע געוואָרן ערנעסטינע. און מיט וואָס האָט זי זיך אַזוי איבערגענומען, די ערנעסטינע? זי האָט געהאַט אַ מאַן אַן אויגן-דאָקטאָר? זי האָט גערעדט אונגאַריש, דײַטש, פֿראַנצייזיש און ענגליש? איז גליקכעס מאַן, אַ האַרץ-ספּעציאַליסט, נאָך געווען פּראָפֿעסאָר אין בודאַפּעשט. און דאָ אין ניו-יאָרק האָט ער געלייענט לעקציעס אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט. און גליקכע אַליין? אין שפּראַכן איז זי פֿון קינדווייַז אָן פֿעיִקער געווען ווי ערנעסטינע. גליקכע קען אויך פֿאַרטייַטשן אַ פּרשה חומש, אַ קאַפּיטל תּהילים. טאָ מיט וואָס האָט זי זיך אַזוי איבערגענומען, די ערנעסטינע, וואָס זי איז אַראָפּ פֿון גלייַכן וועג? און געשטאָרבן איז זי אַזוי נאַריש, אָן תּכריכים. און דאָ איז פֿרייַטיק, און דאָ איז שוין נאָך מיטאָג, וואָס הויבט מען אָן טאָן? האָט גליקכע גענומען אירע תּכריכים און זיי געשאָנקען ערנעסטינען. און פֿון בית-עולם איז מען קריק געקומען פּונקט צו ליכט-בענטשן.

גליקכע האָט אין דעם אַלעם געזען גאָטס חסד. פֿון דאַנקבאַרקייט האָט זי אַ הויב געטאָן די אויגן אין דער הייך:

– טאַטע-פֿאָטער פֿון הימל!

פֿון די צוויי פֿענצטער, וואָס זייַנען אַרויס אין צענטראַל-פּאַרק, האָבן שטיקלעך ליכט מיט אַ ציטער זיך געשאַרט איבער דער מזרח-וואַנט. די שטיקלעך ליכט האָבן אָפּגעדעקט דאָ אַ פּנים, דאָרט אַ פּנים. גליקכע האָט זיך אייַנגעקוקט אין די ליכטיקע פּנימער, אין די דורותדיקע בערד און פּאות, אין די קלוגע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט צער. דאָס זייַנען געווען אירע עלטער-זיידעס: ר׳ משה שרייַבער דער פּרעשבורגער רבֿ, ר׳ עקיבֿא אייגער דער פּויזנער רבֿ.

מיט די עלטער-זיידעס איז גליקכען געווען היימלעכער. און נישט גליקכע אַליין האָט זיך געשפּיגלט אין די זיידעס. אויך אירע צוויי זין ספּעציאַליסטן דאָקטוירים, וואָס שרייַבן נישט אום שבת. אויך איר איידעם, אַ רייַכער פֿאַבריקאַנט, וואָס האַלט שבת געשלאָסן די פֿאַבריק. יעדן פֿרייַטיק קומט צו גליקכען אַן אַנדער אייניקל מאַכן קידוש. דאָס אייניקל בלייַבט שוין נעכטיקן בייַ דער באָבען, גייט מיט

איר אין שול אַרײַן דאַוונען. און די זין און דער איידעם? פֿאַרן בלויזן "כּיבוד-אָב" וועט מען פֿאַר זיי ברייט עפֿענען ס'גן-עדן.

גליקכע האָט באַדויערט וואָס איר דור רוקט זיך אַוועק. כּמעט יעדן יאָר איז געוואָרן ווייניקער מיט אַ חבֿרטע. און חבֿרטעס האָט זי געהאַט אי פֿון פּרעשבורג, אי פֿון ניו-יאָרק. זי איז דאָך שוין אין ניו-יאָרק אַ קנאַפּע זעכציק יאָר. און דאָ פּעקלען זיך די חבֿרטעס איבער אויפֿן עולם-האמת.

גליקכע האָט גענומען ציילן אויף די פֿינגער. געבליבן זײַנען:

– נישט ראַדיש, נישט פֿריידקע, נישט שיינדל, נישט בריינדל, נישט שׂרהלע... אומבאַשריִען...

זי האָט אָנגעציילט אַ זיבן נעמען. זי האָט געזען יעדע חבֿרטע פֿאַר די אויגן, געוווּסט זייער עלטער. די ייִנגסטע איז געווען איבער זעכציק. די עלטסטע אין די נײַנציקער.

די חבֿרטעס זײַנען געשטאַנען פֿאַר די אויגן אין אַ שורה און גליקכע האָט זיך געטראַכט:

– ווער איז רײ איז איצט?

זי האָט געוווּסט, אַז נישט פֿריידכעס. די נײַנציק-יאָריקע פֿריידכע איז געווען אַ שטיק דאָקטאָרקע. וואָס האָט זי נישט געהיילט? און אַז אַ מענטש איז קראַנק געוואָרן, האָט זי מיט טעג פֿריִער געזאָגט ווער ס'איז "לחיים" און ווער "למות."

זי האָט נאָך מיטוואָך געוווּסט, אַז ערנעסטינע שטאַרבט. האָט גליקכע זי געפֿרעגט:

– פֿריידכע קרוין, סטײַטש?

האָט פֿריידכע געענטפֿערט:

– ווילסטו וויסן, גליקכע, אויב די קרענק איז געפֿערלעך, נעם ווייך ברויט, טריקן דערמיט דעם שווייס פֿונעם קראַנקנס שטערן און

וואַרף עס צו אַ הונט. פֿרעסט עס דער הונט איז גוט. פֿרעסט ער עס נישט איז דער פֿאַרבײַ.

גליקכע האָט געקוקט אויף ערנעסטינעס שוואַרצן הונט, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון דער קראַנקערס בעט. ער האָט זיך נישט צוגערירט צום שטיקל ווייכן ברויט, וואָס פֿריידכע האָט אים געוואָרפֿן.

גליקכע האָט אויסגעבײַטלט צום הונטס קאָפּ און איז אַוועק פֿון פֿריידכען אַ ברוגזע. ס׳האָט זי אָבער נישט געלאָזט רוען די פֿריידכע האָט דאָך אָבער געטראָפֿן. ווי נאָך טרעפֿט זי עס? מיט כּישוף?

דער טעלעפֿאָן, וואָס איז געשטאַנען בײַ גליקכעס בעט אויף אַ טישל, האָט זיך צעקלונגען. גליקכע האָט אַ נעם געטאָן ס׳טרײַבל:

– ווער רעדט? ראַדיש? גוט-מאָרגן, ראַדיש! מען זאָל טאַקע מער פֿון קיין צער נישט וויסן! צי איר וועט זײַן אָנגעלייגטע געסט? אוודאי, אוודאי, טײַערע געסט! נאָר וואָס אַזוי פֿרי? כ׳ליג דאָך נאָך אין בעט... כ׳האָב נאָך נישט געדאַוונט... קומט נאָכן דאַווענען... נו, גוט, נו, גוט, ראַדיש קרוין!...

די אַלטיטשקע האָט פֿאַרגעסן, אַז אין דער פֿרי טוט איר אַלץ ווײ, ווי זי וואָלט קיין גאַנץ גליד נישט געהאַט אין זיך. זי איז גלײַך אַראָפּ פֿון בעט און האָט אַ רוף געטאָן די דינסט:

– עליזאַבעט, שלאָפֿסט נאָך?

– ווער שלאָפֿט, מיסעס שרײַבער?

די דינסט, אַ באַיאָרטע נעגערטע, מיט טרויער אין די אויגן, אַרום די מויל ווינקלען, איז אַרײַן צו גליקכען אין צימער:

– אָט בין איך, באַלעבאָסטע.

– זײַ אַ גוט מיידל, עליזאַבעט, און רוים אויף ס׳צימער.

– וואָס איז ס׳געאײַל, באַלעבאָסטע?

– מיר קריגן געסט.

– אַזוי פֿרי?

די אַלטיטשקע האָט ווי אַ קינד אַ הויב געטאָן מיט די פּלייצעס און געשמייכלט. און אַז עליזאַבעט איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן צימער, איז גליקכע שרײַבער שוין געזעסן מיט איר קרבן-מנחה סידור, געזעסן לעבן מזרח-וואַנט, ווו איבער איר קאָפּ זײַנען געהאַנגען די זיידעס דער ״חתם-סופֿר״ און ר׳ עקיבֿא אייגער.

זי האָט געדאַוונט מיט אַ פּרעשבורגער ניגון, געדאַוונט אויפֿן קול, און נישט געהערט ווי פֿון קיך טראָגט זיך דער אייגענער ניגון נאָר אָן ווערטער. עליזאַבעט האָט געגרייט אָנבײַסן.

און אַז גליקכע איז אויסגעגאַנגען שמונה-עשׂרה, האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג. אין דער טיר זײַנען געשטאַנען: ראַדיש, פֿריידכע, שיינדל, בריינדל, שׂרהלע זײַנען געשטאַנען גליקכעס חבֿרטעס, נגידיש גבֿירישע זקנות, מיט געבעקס אין די הענט. מיט פֿלעשער ווײַן אין די הענט, מיט געניי-טעשלעך אין די הענט.

– אַ גוט-מאָרגן, גליקכע!

– אַ גוט-מאָרגן, גליקכע!

גליקכע האָט אַ פֿאַרחידושטע זיך געקושט מיט די חבֿרטעס. און אַז זיי האָבן זיך צוגעזעצט לעבן טיש, צעשטעלט ס׳געבעקס, געעפֿנט די פֿלעשער ווײַן, געעפֿנט די געניי-טעשלעך, האָט די עלטסטע צווישן די זקנות ראַדיש, אַרויסגענומען אַן אירלענדיש שטיק וועב און עס אַ שפּרייט געטאָן איבערן פֿוטרירטן דיל.

– ווייסט כאָטש, גליקכע, צו וואָס מיר זײַנען געקומען? דײַנע חבֿרטעס זײַנען געקומען דיר אויפֿנייען ס׳אייביקע חופּה-קלייד. האָסט עס כּשר פֿאַרדינט, גליקכע. דײַן חופּה-קלייד האָסטו אַוועקגעשאַנקען ערנעסטינען, ביסט געבליבן אָן אַ חופּה-קלייד. האָבן מיר זיך היַינט, זונטיק, געפֿעדערט.

די אַלטיטשקע, גליקכע, האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. אָן ווערטער האָט זי אַרומגענומען איין חבֿרטע נאָך דער אַנדערן,

דערנאָך האָט זי געשניטן אַ טאָרט, אָנגעגאָסן גלעזלעך ווײַן. און אַז די חבֿרטעס האָבן געטרונקען לחיים, פֿאַרביסן מיט שטיקלעך טאָרט, האָט די עלטסטע, ראַדיש, אָנגעטאָן גליקכען ס'הייבל מיט שפּיצן און שלײַפֿלעך.

די זקנות האָבן אײַנגעפֿעדעמט די דינע נאָדלען, געצויגן די לאַנגע, ווײַסע פֿעדעם. און אַז געבויגענע האָבן זיי גענומען נייען ס'אייביקע חופּה-קלייד, האָט דער טויט אָנגעהויבן שפּינען זײַן ניגון.

1941

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון איציק גאָלדענבערג, לעאָנאַרד פּראַגער, נח מילער
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָוויץ

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved